בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהלת שבטי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א



**בא**

ו' שבט תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:29 |
| מוצש"ק | 5:45 |
| ר"ת | 6:23 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:27 | סוז"ת א' | 9:35 |
| סוזק"ש ב' | 9:11 | סוז"ת ב' | 10:04 |

גליון מס: ק"ע
שנה ד'


## טיב הפרשה

# בנערינו ובזקננו נלך

## די חשיבות פון די ווייטערדיגע דורות

**מיר האבן שוין מערערע מאל דערמאנט אז יעדע זאך וואס די תוה"ק שרייבט איז נצחי און אז עס בלייבט אויף אייביג און עס איז נוגע אויך היינטיגע צייטן.

עס איז אייביג אזוי, אבער עס איז ביתר שאת אין די וואכן ווען מיר לערנען איבער פרעה און איבער די מצרים און שפעטער ווי אזוי כלל ישראל איז ארויס פון מצרים.

אין די פרשה'ס איז דא אסאך נקודות וואס זענען נוגע יעדער איד און פאר אלע דורות.

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער א וויכוח וואס משה רבינו האט געהאט מיט פרעה איבער די קינדער. משה רבינו האט געפאדערט פון פרעה ער זאל ארויסלאזן די אידן פון מצרים, ווייל ער וויל גיין דינען השי"ת פאר דריי טעג. אין זיינע ווערטער באַטאָנט ער אז אויך די קינדער זאלן מיטגיין ווייל די קינדער זענען א חלק פון דער יום טוב, און האט אפילו מקדים געווען צו זאגן די קינדער פאר די עלטערע זאגנדיג ערשט 'בנערינו' און שפעטער 'בזקנינו' נלך, אבער פרעה איז געווען פאר'עקשנ'ט אז ניין, ער לאזט נישט ארויס די קינדער פון מצרים, אפילו נישט אויף דריי טעג.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די געשעעניש באגעגענט מען זיך מיט א וויכוח וואס איז נוגע ארום די קינדער פון א איד. אינדערצייט וואס דער רשע פרעה איז געווען פאר'עקשנ'ט אז ער לאזט נישט ארויס די קינדער פון מצרים, האט זיך משה רבינו גע'עקשנ'ט אז די קינדער מוזן אויך גיין.

די וויכוח איז געווען איבער די קינדער, אבער עס איז אויך געווען א וויכוח איבער די עתיד פון כלל ישראל. אינדערצייט וואס משה רבינו האט געוואלט אז די קינדער זאלן זיין א טייל פון דער יום טוב און מיטשפירן די קדושה און עס איינזאפן אין זיך, איז פרעה געווען פאר'עקשנ'ט אז די קינדער זאלן בלייבן דא, מיט די טענה אז די קינדער וועלן סתם צושטערן דעם יום טוב און אז עס איז א שאד זיי מיטצונעמען.

די תוה"ק דערציילט אונז איבער די וויכוח און שטרייכט אונטער אז די וויכוח איז געפירט געווארן נאך דעם וואס

## טיב המערכת

### שְׂכַר פְּסִיעוֹת

עס האט דערציילט מורינו ורבינו שליט"א: איך געדענק אז איך בין אמאל געווען אין מירון ביים הייליגן ציון פון רבי שמעון בר יוחאי, אינאיינעם מיט להבדיל בין חיים לחיים כ"ק אדמו"ר דער ביאלער רבי בעל חלקת ההושע זצ"ל. דער ביאלער רבי איז שוין דעמאלטס געווען אויף דער על־טער און ער איז שוין געווען אפגעשוואכט, און וויבאלד זיין אכסניא איז געווען אינעם דאָרף, וואס איז קענטליך ווייט צו גיין פונעם ציון הקדוש פון רבי שמעון, איז ווען ער האט געוואלט גיין צום ציון הקדוש צו דאווענען שחרית, האט מען אים געזאגט אז איינער פון די אָרטיגע איינוואוינער וויל יים פירן מיט זיין אויטא ביז צו די מערה, אבער דער רבי האט דאס אפ־געזאגט, ערקלערנדיג – אויב האט מען מיר מן השמים מזכה געווען צו באקומען שכר פסיעות, וועל איך דערלייגן דעם געלעגנהייט? אן צו קוקן אויף זיינע שוואכע כוחות, איז ער געגאנגען צופיס די גאנצע וועג, מיטן טלית און תפילין אונטערן ארעם, ביז צו די הייליגע מערה.

ער רבי, וועלכער איז געווען באוואוסט אלץ א מחבב מצוות אויף א זע־לטענער אופן, האט געפינען פאר ריכטיג נישט צו פארפעלן קיין שום זאך וואס עס איז דא אין דעם א צד פון עבודת ה', ענדליך צו דאס ואס עס ווערט פארציילט אין די גמרא, אז רבי יוחנן האט געזאגט אז א פרוי האט אים אויסגעלערנט וויאזוי צו כאפן מצוות און זוכה זיין צו באקומען שכר, און דאס איז געווען פון א מעשה שהיה, אז עס איז געווען אן אלמנה וואס נאנט צו איר הויז איז געווען א בית הכנסת, אבער אנשטאט צו דאווענען דארט האט זי זיך מטריח געווען און איז געווען א ווייטער וועג ביז צו דער בית המדרש פון רבי יוחנן כדי צו דאווענען דארט, און ווען רבי יוחנן האט דאס געזען האט ער איר געפרעגט: מיין טאכטער, איז נישטא קיין בית הכנסת נאנט צו דיין הויז? דאס מיינט צו זאגן, צודען כדי צו דאווענען דארפסטו קומען ביז דא? דו וואלטסט דיך געקענט איינשפאָרן די טירחא, אויב דו וואלטסט געדאוונט ביי דער בית הכנסת וואס איז נעבן דיין הויז? האט די אלמנה געענטפערט: רבי, באקום איך דען נישט שכר פסיעות? עס איז טאקע ריכטיג אז דאס גיין ביז דא איז א גרויסע טירחא פאר מיר, אבער מען באקומט שכר דערפאר.

ער ענין פון שכר פסיעות איז מרומז אין די פרשה פון די וואך, ווייל נא־כדעם וואס משה רבינו האט געלאזט וויסן פאר די אידן די מצוה פון קרבן פסח, שטייט אין פסוק 'וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן כֵּן עָשׂוּ', איז שווער געווען פאר רש"י פארוואס עס שטייט אין פסוק 'וַיֵּלְכוּ'? וויבאלד דער עיקר כוונה פון דער פסוק איז צו לאזן וויסן אז די אידישע קינדער האבן מקיים געווען די מצוה פון פֶּסַח מִצְרַיִם, אויב אזוי וואלט געווען גענוג אז עס זאל שטיין אין פסוק 'וַיַּעֲשׂוּ' וגו'? דעריבער שרייבט רש"י אז די כוונה פון דער פסוק איז צו זאגן אז אויך פארן עצם גיין צו טון דעם קרבן פסח האבן זיי זוכה געווען צו באקומען שכר.

דא איז פאסיג צו באמערקן, אז דער ענין ווערט אויך גע'פסק'נט להלכה, אזוי ווי דער הייליגער משנה ברורה שרייבט (סימן צ' ס"ק ל"ז): "וְאִם יֵשׁ שְׁתֵּי בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת בְּעִיר, טוֹב לֵילֵךְ לְהָרְחוֹקָה כִּי שְׂכַר פְּסִיעוֹת יֵשׁ".

(עפ"י טיב התורה – בא)


מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

פרעה האט ארייגעכאפט אכט שווערע מכות וואס האבן צוגרונד געלייגט מצרים, און דאך איז ער געווען פארשטייפט און נישט ערלויבט אז די קינדער זאלן מיטגיין מיט די עלטערן, און טראץ וואס ער ווייסט אז דאס גייט אים קאסטן א פרייז און ער גייט וועגן דעם ארייננכאפן נאך א מכה, האלט ער זיך נישט אפ פון דעם.

די רשע פרעה האט דא פארזען איין נקודה. ער האט אונטערגעשאצט די חשיבות פון קינדער ביי כלל ישראל. דער שטרעבן פון א איד איז צו ערציען ערליכע דורות. דער איד וויל אז זיינע קינדער זאלן וואקסן ערליך, מיט די תורה, ער זאל גיין אין אירע וועגן.

דער איד וויל אז דאס קינד זאל מיטלעבן די אטמאספער פון א יום טוב, אז די קדושה זאל אריינגיין אין אים און פאדערט אויך אז מען זאל מיטברענגען די קליינע קינדער צו אזא מעמד.

דא ליגט א שטארקער חילוק צווישן דער איד און להבדיל דער גוי. אינדערצייט וואס דער גוי שטעלט זיך אייביג אין די צענטער און מעסט די געשעענישן לויט וויפיל הנאה ער וועט האבן און טראכט נישט פון זיינע קינדער, ווייל די קינדער זענען ביי אים לעול ולמשא, איז דער מצב אנדערש ביי דער איד, וואס געבט אוועק זיין לייב און זיין לעבן פאר דאס קינד, ער זאל גיין אין די ריכטיגע וועג און אויסשטייגן ערליך.

נאך א יסוד וואס מען לערנט ארויס פון די וואך איז דער קאנפליקט [וויכוח] צווישן משה רבינו מיט פרעה איבער די שאף מיט די רינדער. משה רבינו האט געוואלט אז ווען כלל ישראל גייט ארויס פון מצרים זאלן זיי מיטנעמען אויך די שעף און די רינדער, אבער פרעה האט זיך גע'עקשנ'ט, און צוליב די עקשנות איז כלל ישראל געבליבן אין מצרים און די מצריים האבן געליטן נאך א מכה.

די שטייפקייט פון משה רבינו איז א לימוד לדורות. מיט דעם האט משה רבינו געוואלט ווייזן פאר פרעה אז ער בייגט זיך נישט פאר די טומאה. די כוונה פון פרעה איז דאך געווען ווי עס איז דער דרכי היצר. דער דרך פון דעם יצר הרע איז אז ווען ער קען נישט מכניע זיין א איד אין קיין שום פאל זעענדיג ווי ער איז שטארק מיט זיין פאזיציע אין עבודת ה', וועט ער אים איבעררעדן זאגנדיג אז מען קען מאכן א חלוקה. אינדערצייט וואס די רוחניות בלייבט ביי מיר וועל איך נעמען צו מיר די גשמיות.

מיט דעם וועט דער יצר הרע בלאקירן דעם מענטש ער זאל נישט קענען אויפהייבן די גשמיות צו עבודת ה', אבער אויך אויף דעם איז משה רבינו געשטאנען שטארק. מיט אן עקשנות דקדושה האט ער געלאזט וויסן פאר פרעה אז ביי א איד איז נישט דא קיין שום חלוקה און ביי אים איז אלעס רוחניות.

משה רבינו האט נישט נאכגעגעבן פאר פרעה. ער האט נאך צוגעלייגט אז נישט נאר געבט ער אים נישט די גשמיות, נאר עס וועט נאך זיין די פארקערטע אז אויך די גשמיות פון פרעה וועט ענדע ווערן נכנע אונטער פרעה, ווי עס איז דער לשון הפסוק 'גם אתה תתן בידינו זבחים ועולות'.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין צו קענען איבערדרייען דאס לעבן און עס אויפהייבן צו עבודת הבורא, אז אויך ווען מען איז עוסק אין עניני גשמיות זאל עס זיין לשם שמים.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הדך לייענדס

## ביז צו די עלות השחר

אלץ איינער וואס דרייט זיך אסאך ביי מורינו הרב שליט"א, איז מיר מערערע מאל אויסגעקומען צו הערן פון מורינו שליט"א איבער די חשיבות און די גרויסקייט פון דאוונען בציבור.

היינטיגע צייטן ווען מען לעבט אין א וועלט וואו עס איז דא אסאך מנינים, איז עס נישט אייביג אזוי שווער איינצוהאלטן די זאך, אבער אייביג מאכט זיך די פעלער ווען אויך די מנין קומט אן שווער.

ברוך ה' אז פון די בר מצוה אן האב איך קיינמאל נישט פארפעלט א מנין.

איינמאל האט זיך געמאכט אז איך בין צוריקגעקומען שפעט ביינאכט פון א חתונה און איך האב זיך דערמאנט אז איך האב נאכנישט געדאוונט קיין מעריב. די זייגער האט שוין געוויזן אויף דריי אזייגער ביינאכט.

טראכטנדיג אז די איינציגסטע ארט וואו עס קען נאך זיין א מנין אויף מעריב איז אין די 'זכרון משה' שטיבלעך, בין איך אהינגעגאנגען.

אנקומענדיג אהין האב איך נישט געטראפן קיין מנין. איך האב זיך געזעצט ווארטן עס זאל זיך מאכן א מנין.

ביני לביני האב איך זיך געזעצט לערנען. עס איז געווען פרשת ויצא און איך האב זיך געזעצט לערנען די פרשת השבוע. לערנענדיג אזוי האב איך געלערנט אז יעקב אבינו האט מתקן געווען די תפילה פון מעריב, און פון מיין מויל איז ארויס א תפילה אז איך זאל נאך זוכה זיין היינט נאכט צו טרעפן א מנין אויף מעריב.

די זייגער האט זיך גערוקט. מען האט שוין געהאלטן צוואנציג מינוט איידער די עלות השחר און קיין מנין איז נאכנישט דא.

די יאוש פונקען האבן זיך אנגעהויבן דערוועקן ביי מיר, איך האב געטראכט אז איך גיי דאוונען ביחידות, אבער אין יענע מינוטן איז אנגעקומען פיר אידן וואס האבן נאך געהאלטן פאר מעריב און האבן געזוכט א מנין.

אין יענע מינוטן איז אויך אנגעקומען א טעקסי, פון איר איז ארויסגעקומען א איד פון די 'רמת שלמה' געגענט. אויך ער איז געקומען צו גיין מיט די ציל צוטרעפן א מנין. מיר זענען געווען זעקס אידן.

אויפ'ן ארט זענען געווען אנדערע אידן. א טייל פון זיי זענען געווען אידן וואס זענען שוין געקומען צו שחרית. מען האט זיי מצרף געווען און עס איז געווען א מנין.

עס איז געווען א דערהויבענער מעריב. יעדער האט זיך געפרייט אז מען האט געקענט דאוונען מיט מנין.

נאך די מעריב האט מען זיך ארויסגעלאזט אויף א רקידה, ווען יעדער טיילט מיט זיין געשיכטע ווי אזוי ער איז אנגעקומען צו די מנין.

מען האט ביי יעדן איינעם געזען באזונדער ווי אזוי די השגחה העליונה האט אים געברענגט צו די מנין.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: י. ר.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

# יְגִיעַת הַתּוֹרָה אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִ"ים

**"כֹּה אָמַר ה' אֱלֹקֵי הָעִבְרִים עַד מָתַי מֵאַנְתָּ לֵעָנֹת מִפָּנָי, שַׁלַּח עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי" (י, ג).**

אינעם ספר הקדוש **תולדות אדם** (לימי השובבי"ם ת"ת) איז ער מפרש דעם פסוק על דרך הרמז, בנוגע צו די הייליגע **ימי השובבי"ם**.

עס איז ידוע פון די **תלמידי בעש"ט הק' זי"ע**, אז היינטיגע צייטן זאל מען נישט פארמערן מיט תעניתים און סיגופים אפילו אין די שובבי"ם טעג און מיט גלגולי השלג אזוי ווי מען פלעגט טון אין די פריערדיגע צייטן, נאר ענדערש זאל די תענית קומען פון דעם וואס ער גלוסט נישט צו עסן, פון דעם וואס ער האט אזויפיל פארגעניגן פון תורה און מצוות. ווייל דער עיקר פון די תענית איז די הכנעה, מיטן אונטערטעניגן דעם כח הגוף וואס איז דער חֹמֶר הֶעָכוּר, אז עס זאל אים נישט נאכשלעפן נאך זיין גלוסטעניש.

און דאס איז וואס דער פסוק איז מרמז: "עַד מָתַי מֵאַנְתָּ לֵעָנֹת [און דער תרגום אונקלוס זאגט: 'לְאִתְכְּנָעָא'] מִפָּנָי" – דווקא **מִפָּנָי**, פארוואס דארפט איר האבן די תענית אז עס זאל אייך אונטערטעניגן, פארוואס זאלט איר זיך נישט אונטערטעניגן 'מִפָּנָי', פון מיין תורה און מיין קדושה.

אט זעען מיר בחוש, אז ווען א מענטש איז עוסק אין די תאוות העולם הזה, ווי צוםביישפיל ביי פארשידענע שפילערייען, [און היינטיגע צייטן איז עס מיט די קרענק פון פארברענגען אינעם טמא'נעם 'אינטערנעט' רח"ל (אונטערוועלט), אדער מיט 'שאַכמאַט' וכדומה], וואס די תאוה ברענט אין אים זייער שטארק, אויף אזוי ווייט אז דורכאויס די גאנצע נאכט דארף ער גארנישט עסן... פארוואס איז עס אזוי? וויאזוי האט ער פארגעסן פון זיינע מינימאלישע קערפערליכע געברויכן? – דאס איז נאר דערפאר וואס דער זאך איז אים זייער געשמאק און ער גלוסט דערצו, דעריבער האט ער אפגעלאזט אפילו דאס וואס ער דארף האבן זיך צו האלטן ביים לעבן, און עס גלוסט אים נישט צו עסן.

כל שכן וכל שכן אז ווען א מענטש איז עוסק בתורה ועבודה, זאל עס זיין אזוי שטארק בשלימות, אז דורך די אנגענעמקייט און זיסקייט פון די מצוה זאל ער נישט זיין הונגעריג, און ער זאל נישט דארפן האבן קיין שום זאך.

און דאס איז דער מיינונג פון די ווערטער 'עַד מָתַי מֵאַנְתָּ לֵעָנֹת מִפָּנָי', דאס הייסט צוליב די זיסקייט פון מיין עבודה. און אזא תענית, וואס א מענטש פאסט דערפאר וואס עס גלוסט אים נישט צו עסן צוליב די עבודה, אט דאס איז די רעכטפארטיגע תענית.

***

א חשוב'ער למדן איז אמאל געקומען צו הגאון המפורסם **מורינו רבי חיים קרייזווירטה זצ"ל, גאב"ד אנטווערפן יצ"ו**, מיט א קאמפליצירטע קשיא, וועלנדיג פארשטיין די ווערטער פון די **תוספות** אין איינס פון די שווערסטע מסכתות אין ש"ס, וואס ער האט זיך זייער געפלאגט דערמיט, און ער האט שוין אפילו געפרעגט אסאך לומדים מופלגים אבער זיי זענען נישט אויפגעקומען מיט א פאסיגע ענטפער.

האט רבי חיים זיך צושמייכלט הערנדיג די קשיא, און גלייך אויפן ארט האט ער געענטפערט גאר א געוואלדיגער גאונ'ישער תירוץ, אזוי אז אלעס איז פארענטפערט געווארן אויף א וואונדערליכער שטייגער, מתוק מדבש!

דער תלמיד חכם האט זיך זייער שטארק געוואונדערט, זעענדיג אזא וואונדערליכע גאונות, און הערנדיג דער תירוץ וואס דער רב האט גלייך ארויסגעצויגן אויפן ארט! אבער מער פון אלעס האט ער זיך געוואונדערט זעענדיג דעם שמייכל וואס דער גאון האט געהאט אויף זיין געזיכט דורכאויס די גאנצע צייט וואס ער האט אים ערקלערט זיין ענטפער.

ווען רבי חיים האט געענדיגט ערקלערן זיין תירוץ, און דער געזיכט פונעם למדן האט אויפגעלויכטן, האט ער נישט געקענט צוריקהאלטן זיין וואונדער, און ער האט געפרעגט דעם רב: לְשִׂמְחָה מַה זֹּה עֹשָׂה? דאס איז דאך נישט די ערשטע מאל וואס איך לייג פאָר מיינע קושיות פארן רב, און איך האב נאך קיינמאל פריער נישט געזען אזא שמחה אויף אייער געזיכט?

וועל איך דיר דערציילן א קורצן עובדא, און דו וועסט פארשטיין – האט אים דער רב געזאגט.

אין מיינע יונגע יארן, האב איך פאר א שטיק צייט געוואוינט אין די גרויסע שטאט **'ווילנא'** הַגְּדוֹלָה לֵאלֹקִים, און ווען איך האב דארט געלערנט בין איך אנגעקומען צו אט דעם שטיקל תוספות וואס דו האסט מיר יעצט געוויזן, און איך האב זיך זייער געמוטשעט צו פארשטיין דער פשט, ווערנדיג צומישט ממש פון די זעלבע קשיא וואס דו האסט מיר יעצט געפרעגט. די הייליגע ווערטער פון תוספות זענען געווען צי דערהויבן פון מיין פארשטאנד, און וויפיל איך האב מיך געפלאגט מיט מיינע אלע כוחות צו מיישב זיין די ווערטער פון תוספות, איז מיר נישט געלונגען ארויסצוהאבן די הייליגע ווערטער אזוי ווי עס דארף צו זיין.

איך האב זיך אבער פאר'עקש'נט, און איך האב באשלאסן מיט אַן עקשנות דקדושה, אז איך וועל נישט אפלאזן דעם תוספות ביז די ווערטער וועלן ווערן גוט מיושב ביי מיר אין הארץ! – האב איך זיך אוועקגעזעצט און אנגעהויבן לערנען די ווערטער פון תוספות פון אנהייב, און אזוי האב איך עס גע'חזר'ט איינמאל און נאכאמאל פון אנהייב ביזן סוף, און אזוי האב איך עס געלערנט עטליכע צענדליגער מאל אן קיין גוזמא! ביז דער לשון פונעם גאנצן תוספות איז געווארן איינגעוואוינט ביי מיר אז איך האב עס שוין געקענט אויף אויסנווייניג, אבער דאס צו פארשטיין איז מיר נאך אלץ נישט געגאנגען, און די קשיא איז נאכנישט פארענטפערט געווארן!

ווען איך האב געזען אז עס איז אזוי, בין איך ארויסגעגאנגען פון בית המדרש און געגאנגען גלייך צום אלטן בית החיים אין ווילנא, וואו איך האב זיך משתטח געווען אויפן הייליגן ציון פון הגאון החסיד, **דער ווילנער גאון זצוק"ל זי"ע**, און גלייך האב איך אויסגעבראכן מיט בכיות נוראות אז השי"ת זאל עפענען מיינע אויגן וואס זענען פארשטאפט פון צו זען דעם ריכטיגן פשט, און די ווערטער פון תוספות זאלן ווערן באלויכטן פאר מיר. אזוי האב איך דארט געוויינט א לענגערע צייטן, ביז פון גרויס מידקייט האב איך דארט איינגעדרימלט.

ווי נאר איך האב זיך אויפגעכאפט פון מיין דרימל, בין איך צוריקגעגאנגען אין בית המדרש. איך האב געעפנט די גמרא און נאכאמאל אנגעהויבן לערנען די סוגיא פון אנהייב, און ווען איך בין אנגעקומען צו די דאזיגע ווערטער פון תוספות, האבן זיך די 'שערי התוספות' געעפנט פאר מיר, און זייערע הייליגע ווערטער זענען געווארן מיושב ביי מיר מיט א געוואלדיגע זיסקייט און אנגענעמקייט!

דעריבער זאלסטו זיך נישט וואונדערן, האט דער אנטווערפענער רב אויסגעפירט, אז ווי נאר דו האסט פאָרגעלייגט דיין קשיא, האב איך דיך גלייך ערקלערט דעם גאנצן ענין, און איך האב דיר געגעבן צו פארשטיין וויאזוי די ווערטער פונעם תוספות שטימען זייער גוט...

***

דרכו בקודש פון הרה"ק **דער רבי ר' זושא מאניפולי זצוק"ל** (יומא דהילולא ב' שבט) איז געווען, אז פון צייט צו צייט האט ער זיך געדרייט איבער די שטעט וואו אידישע קינדער האבן געוואוינט, און ער האט מעורר געווען דעם עולם צו תשובה. אין געוויסע ערטער, ווען ער האט געזען ווי א איד דארף האבן הילף, האט ער זיך גלייך אונטערגעגארטלט אים צו העלפן מיט וואס נאר מעגליך, און פילע זענען געהאלפן געווארן דורך אים ברוחניות ובגשמיות כידוע, און ער איז באוואוסט געווארן אויף ווייט און ברייט אלץ איינער פון די גרעסטע צדיקי הדור.

איינמאל האט ער באזוכט אין א שטאט וואס איז געווען פול מיט חֲכָמִים וְסוֹפְרִים, וואס די וועגן פון די חסידים האבן נישט געפינען חן אין זייערע אויגן... אזוי ווי עס האט זיך אפטמאל געטראפן אין יענע צייטן, ווי זיי פלעגן טענה'ן אז מען איז זיך מבטל פון תורה כדי צו עוסק זיין אין עבודת התפילה און אין אנדערע מצוות, אינדערצייט וואס מיר ווייסן אז דער עיקר תכלית פונעם מענטש אויף דער וועלט איז דאך אז מען זאל זיך אנפילן מיט ש"ס ופוסקים!

ווען דער רבי ר' זושא האט זיך אויפגעהאלטן אין שטאט, האט ער אויסגעפינען וועגן איינער **מאחינו בני ישראל**, א פשוט'ער איד וואס איז אריינגעפאלן אין א שווערע צרה רח"ל, און כדי אים ארויסצוראטעווען פון זיין ענגשאפט דארף מען האבן זייער א גרויסע סומע געלט.

האט זיך דער צדיק גלייך ארויסגעלאזט און זיך גענומען באשעפטיגן מיט די מצוה, צו מזכה זיין ישראל קדושים צו אנטיילנעמען אין אט די טייערע מצוה. אבער וויבאלד ער האט נישט געקענט די עשירים פונעם ארט, איז ער אריינגעגאנגען אין בית המדרש וואו עס זענען דעמאלטס געזעצן יונגעלייט וועלכע זענען געווען תלמידי חכמים מופלגים און זיך פארטיפט אין די הייליגע תורה מיט גרויס התמדה, און ער האט זיי געבעטן צי איינער פון די יונגעלייט וועט אים קענען באגלייטן פאר א מצוה, כדי אים צו ווייזן וואו עס וואוינען די עשירים, און ביי וועמען עס לוינט אריינצוקלאפן צו בעטן צדקה.

אבער די יונגעלייט האבן זיך ארויסגעדרייט פון אים, מיטן תירוץ אז דאס איז 'ביטול תורה', און זיי האבן נישט קיין צייט פאר 'חסיד'ישע זאכן'...

האט דער רבי ר' זושא געזאגט צו זיי: אויב אזוי, וועל איך אייך דערציילן א שיינע מעשה, א חסיד'ישע מעשה...

אין א שטאט האט געוואוינט א חשוב'ער 'גביר', וואס ביי איינס פון זיינע פילע נסיעות וואס ער פלעגט פארן צוליב זיינע געשעפטן, האט

המשך אין עמוד ד' >

לעילוי נשמת

הגה"צ רבי **שבתי הכהן**
בן הרה"ק רבן **גמליאל** זצוק"ל
שעל שמו נתייסד קהלתנו 'שבתי בבית ה'
נלב"ע ח' שבט תשל"ז
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת

האי גברא רבה, בקי בנגלה ובנסתר
הגה"צ רבי **יצחק** בן הר"ר **פנחס** זצוק"ל
נלב"ע ח' שבט תשמ"ט • ת.נ.צ.ב.ה.
-•-•-
הונצח על ידי בנו הדגול ידיד נאמן למורנו ורבנו
הרה"צ רבי **פנחס הופמן** שליט"א

ער זיך אמאל געקויפט גאר א טייערער און פרעכטיגער **'פעלץ'**. ווען ער איז אהיימגעקומען צו זיין שטאט, און אום שבת קודש איז ער אריינגעקומען אין בית המדרש מיט יענעם פעלץ, ווען די ווארימע פעל דעקט אזוי שיין צו זיין אקסל און זיינע הענט, זענען אלע מענטשן צוגעקומען צו אים און באוואונדערט זיין שיינעם און פראכטפולן פעלץ, און געוואלט וויסן פון וואו עס קומט... און אים הארציג געוואונטשן מיטן 'תתחדש'!

פון דער זייט איז געשטאנען איינער פון די ארימעלייט פון שטאט, און זעענדיג דעם גרויסן כבוד וואס אלע דרוקן ארויס צום עושר צוליב דעם 'פעלץ', האט ער אים זייער שטארק מקנא געווען, און ער האט גלייך באשלאסן ביי זיך, אז ער איז גארנישט ערגער ווי אט דעם גרויסן עושר! אויך ער וועט ווייזן פאר יעדן איינעם אז ער קען זיך אויך פארשאפן און אנטון אזא פראכטפולן 'פעלץ'...

ער האט אנגעהויבן זאמלען א פרוטה און נאך א פרוטה, זיך שפארנדיג פון זיין עסן און טרינקען, ביז נאך א לענגערע צייט איז אים געלונגען צו זאמלען א סכום הגון וואס איז גענוג צו קויפן דערמיט אזא טייערן מאנטל. ער האט זיך תיכף ארויסגעלאזט אויף א ספעציעלע נסיעה צו אט די ווייטע שטאט וואס דער עושר האט דערמאנט, און ער האט זיך איינגעקויפט א פראכטפולן 'פעלץ' פונקט פונעם זעלבן סארט וואס דער עושר האט פארמאגט...

ווען ער איז אנגעקומען צום בית המדרש אנגעטון מיטן טייערן 'פעלץ', האבן אלע מענטשן אנגעהויבן לאכן און שפעטן פון אים – ווי קומט עס דיר צו גיין מיט אזא שיינעם 'פעלץ'... און פון אלע זייטן האט מען אים געטשעפעט און געמוטשעט.

יעצט האט דער ארימאן נישט פארשטאנען: וואס וויל מען פון אים? האט ער געפרעגט זיינע חברים: זאגט נאר, פארוואס ווען דער עושר דארט ביים מזרח-וואנט איז אנגעקומען אין שול מיט אזא פעלץ, האבן אים אלע מענטשן שטארק מכבד געווען, און ווען איך קום אן מיט פונקט דעם זעלבן פעלץ, לאכט מען מיר אויס?

דו פארשטייסט נישט, האבן אים זיינע חברים ערקלערט. קוק נאר אן דעם גרויסן גביר, זע נאר וואספארא טייערע און גלאנציגע שיך ער גייט אנגעטון... כאפ נאר א בליק און זע וואסערע נייע און פראכטפולע 'האמבורג' הוט ער גייט אויף זיין קאפ, ער זעט טאקע אויס זייער מכובד'יג! דעריבע, ווען ער האט זיך אויך אנגעטון דעם שיינעם 'פעלץ', האט דאס אים צוגעגעבן אסאך חן און כבוד, א רייכער לבוש אויף א רייכער מענטש!

אבער דו, אן ארימאן און דלפון – קוק זיך נאר אן, וויאזוי דו זייסט אויס! צוריסענע און שמוציגע שיך אויף דיינע פיס... אן אלטער און אפגעריבענער הוט אויפן קאפ... דיין הויזן איז צוריבן און פארלאטעט... דעריבער, ווען דו טוסט דיך אן אט דעם שיינעם 'פעלץ' איז דאס ווירקליך א געלעכטער, אין קעגנזאץ צו דיינע אנדערע קליידער...!

דער נמשל איז פארשטענדליך פון זיך אליין, האט דער רבי ר' זושא אויסגעפירט דעם געוואלדיגן 'מוסר השכל' וואס קומט ארויס דערפון.

די משנה אנהייב מסכת פאה (א, א) וואס מיר זאגן יעדן טאג, הייבט זיך אן: "אֵלּוּ דְּבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לָעוֹלָם הַבָּא, כִּבּוּד אָב וָאֵם וּגְמִילוּת חֲסָדִים וכו'". און נאר ביים סוף, נאך די לאנגע רשימה, פירט אויס די משנה: "וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כֻּלָּם".

דאס קומט אונז לערנען, אז אויב א מענטש גייט אויפן ריכטיגן וועג, און ער איז מקיים די גאנצע רשימה פון די מצוות וואס די אויבנדערמאנטע משנה און די ברייתא דארט האט אויסגערעכנט (שבת קכז.), איז עס תּוֹרָה מְפֹאֶרֶת בִּכְלִי מְפֹאָר, תַּלְמוּד גָּדוֹל שֶׁמֵּבִיא לִידֵי מַעֲשֶׂה!

אנדערש איז אבער, אויב מען איז זיך נאר 'מפלפל' און מען בלייבט נאר מיטן 'לערנען' אליין, און מען טראכט נאר וויאזוי זיך אליין אנצופילן מיט ש"ס ופוסקים... און די תורה ווייזט נישט קיין 'הוראה' למעשה, זיי צו דערמאנען דעם נותן התורה ברוך הוא, און די תכלית און ציל, **'לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ'**, דעמאלטס זעט אויס די תורה ביי אים אזוי ווי דער שיינער 'פעלץ' אויפן קערפער פונעם פארשעמטן ארימאן...

***

עס האט מיר דערציילט **הרה"ג רבי שמואל טשעטשיק שליט"א**, אז איינמאל ווען ער איז אריבערגעגאנגען מיט זיין טאטע **הגה"צ רבי וועלוול טשעטשיק זצ"ל** נעבן דעם אלטן **ביאלער** בית המדרש, אויבן אויפן **'יוסף בן מתתיהו'** גאס, ביים עק פונעם **גאולה** געגנט דא אין ירושלים עיר הקודש, האט אים זיין טאטע געזאגט: לאמיר אריינגיין אינעווייניג, און איך וועל דיר ווייזן ווי אידן זיצן און לערנען **'תורה לשמה'!**

זענען זיי אריינגעגאנגען אינעווייניג, און געזען פאר זיך דעם באקאנטן און באוואוסטן חברותא, וואו עס זיצן הגאון **רבי שלמה אטיק זצ"ל** מיט **הגה"צ רבי זלמן בריזל זצ"ל**, און האבן עוסק געווען צוזאמען אין די הייליגע תורה מיט גרויס ליבשאפט, אינעם שטילן בית המדרש וואס האט זיך געפינען ביי די זייט פון די וועגן.

אט האסטו אן אויסגעצייכנטן ביישפיל פון תורה לשמה! – האט דער טאטע געזאגט צו זיין זון. דו זעסט? די צוויי תלמידי חכמים באקומען נישט קיין שום 'געהאלט' אויף זייער לערנען, נישט קיין כבוד און נישט קיין געלט... נאר 'עַל מְנָת שֶׁלֹּא לְקַבֵּל פְּרָס'! תּוֹרָה בְּטָהֳרָתָהּ!

**אזוי האט דער טאטע מחנך געווען זיין זון, אים צו מגדל זיין צו לערנען תורה לשמה!**

אינעם ערשטן טאג וואס זיין זון, **הגאון רבי אברהם אטיק** איז אויפגענומען געווארן אלץ ריש מתיבתא, און האט געדארפט איבערגעבן זיין ערשטן שיעור אין די ישיבה, האט זיין **מאמע די צדקנית ע"ה** געפאסט א גאנצן טאג, און זי איז געזעצן די גאנצע ציט מיטן **ספר תהילים** און געזאגט די הייליגע קאפיטלעך בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ...

**נישט קיין וואונדער, אז עס וואקסן ארויס אזעלכע 'גדולים', פון אזא שטוב...!**

***

עס האט מיר דערציילט א חשוב'ער תלמיד חכם מִפֹּה עִיר הַקֹּדֶשׁ, **מוהר"ר אברהם ישעיהו פערקאָוויטש הי"ו**, וועלכער האט געהאט א קביעות'דיגע חברותא מיט הגאון הצדיק **רבי אברהם אטיק זצ"ל**. און ער האט מקפיד געווען אז די סדרים זאלן זיין ווייניגסטנס **'זעקס שעה ברציפות'!** און מערסטנס מאל האט מען געלערנט פון ניין אזייגער אוונט ביז **דריי אזייגער פארטאגס!**

און דאס אלעס האט ער געטון, וויבאלד ער האט מקבל געווען פון זיין טאטע **הגה"צ רבי שלמה זצ"ל**, אז נאר נאכן לערנען זעקס שעה ברציפות איז מעגליך צו פילן דעם זיסקייט און אנגענעמקייט פון די הייליגע תורה!





די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!


יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173